# דער חרובֿער שפּיטאָל

## לאה ראָבינסאָן

כ׳וויל אײַך עפּעס ווײַזן:
גראָד דאָ, אין דעם סטאַטעטשנעם ווינקל שטאָט,
שטייט הפֿקר כּמה יאָרן אָט דער בנין.
פֿאַר דעם, האָט ער די מענטשן גוט באַדינט.
איז דאָס דען יושרדיק? פֿון זײַן באַלקאָן
צעפֿאַלן זיך די אויסגענעצטע זײַלכלעך
ווי קרישלדיקע ביינער.
פֿון קאָנוסדאַך דעם שטאָלצן
גליטשן אַראָפּ צו ביסלעך גראָע קאַכלען
ווי שטיקלעך קיווער אין אַ לאַנגער שלאַכט.
זאָל יעדער פֿוסגייער דאָ זײַן אָפּגעהיט!
און אַז מע רעדט שוין וועגן פֿיס:
גיט אַ קוק אונטן – פֿון די שפּעלטלעך,
וואָס צווישן פֿינגער פֿון זײַן ציגלפֿוס,
צעשפּראָצט זיך, ווי די שטעכיקע בערשטלהאָר,
באַרעגנטע קראָפּעווע. הויך איבער איר,
בײַם בנין אויף די קײַלעכדיקע זײַטן,
הייבט זיך, אפֿילו אין אַ לײַכטן ווינט,
געדיכטער, העלער פּליושטש,
ווי פּעלצנרונצלעך אויף אַ גרינעם
ברייט-פּלייצעדיקן בער,
וואָס ווערט שוין ווילד פֿון עלנטקייט און הונגער.
דער טויטער בנין, לײַט-פֿאַרלאָזן,
לעבט שוין מאָדנע אויף פֿון זיך אַליין,
צי פֿון דער נעריק-שלינגיקער נאַטור.
און ווען די גוטע זון, אויף איר שפּאַציר,
שענקט אים אַ וואַרעמען בליִאַסק אין שפּליטערשויב
וואַרפֿט ער שוין אָפּ דעם פֿײַער אַ פֿאַרקילטן
אויף אונדז, וואָס שטייען און גאַפֿן אויף זײַן מצבֿ,
און דריקט אונדז אויס זײַן ברעניקן פֿאַרדראָס.